# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת חקת, י' תמוז, שנת תשע"ח לפ"ק, אבות פרק ה'

שנה 7, גליון 39 (350)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................8:13
מוצאי שב"ק.....................9:43

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..........דברי הימים-א' י'-י"א
בבלי.....................זבחים ע"א
ירושלמי..........עבודה זרה כ"ט
תוספתא.............סוטה פרק י'
רמב"ם..........איסורי ביאה י"ד

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָּרָה אֲדֻמָּה.** דִי סְפָרִים פְרֶעגְן פַארְוָואס זָאגְט דִי תּוֹרָה זֹאת חֻקַּת "הַתּוֹרָה", דָאס אִיז דִי גֶעזֶעץ פוּן דִי "תּוֹרָה", מֶען רֶעדְט דָאךְ דָא נָאר פוּן אֵיין מִצְוָה, פוּן דִי מִצְוָה פוּן "פָּרָה אֲדוּמָה", עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין זֹאת חֻקַּת "הַפָּרָה"?

נָאךְ אִיז שְׁוֶוער, דִי פָּסוּק הֵייבְּט אָן מִיטְן לָשׁוֹן "לֵאמֹר" וָואס דָאס מֵיינְט אֲמִירָה רַכָּה - אַ וֵוייכֶע שְׁפְּרַאךְ, אוּן דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטֶער "דַּבֵּר" אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל - וָואס דָאס אִיז אַ שְׁטְרֶענְגֶע לָשׁוֹן.

מוֹהַרְאַ"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא אַ מִצְוָה פוּן "תּוֹכָחָה", וֶוען מֶען זֶעט אַ אִיד טוּט אַן עֲבֵירָה דַארְף מֶען אִים זָאגְן מוּסָר, אָבֶער נִישְׁט יֶעדֶער קֶען טוּן דִי מִצְוָה. דִי גְמָרָא זָאגְט (עֲרָכִין ט"ז:) אַז רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וואוּנְדֶער מִיר אוֹיבּ עֶס אִיז דָא הַיינְט אֵיינֶער וָואס קֶען זָאגְן מוּסָר", אוּן אוֹיבּ רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט דָאס גֶעזָאגְט אִין זַיין דוֹר, וָואס זָאלְן מִיר שׁוֹין הַיינְט זָאגְן.

וֶוען אֵיינֶער זָאגְט מוּסָר אוּן עֶר וַוייסְט נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶס צוּ טוּן, טוּט עֶר גָארְנִישְׁט אוֹיף אוּן עֶר מַאכְט נָאךְ עֶרְגֶער. מֶען דַארְף זָאגְן מוּסָר אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט מוּסָר, וִוי דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (שַׁבָּת פ"ח:) אַז וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט מִיט דִי עֲבֵירָה פוּן דִי עֵגֶל, וָואס דִי אִידְן הָאבְּן דֶעמָאלְט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי דְרֵיי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, עֲבוֹדָה זָרָה, גִּילוּי עֲרָיוֹת, אוּן שְׁפִיכַת דָמִים, הָאט זֵיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ נָאכְאַלְץ לִיבּ!", אוּן אַזוֹי הָאבְּן דִי אִידְן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, אוּן וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואלְט זֵיי אָנְגֶעשְׁרִיגְן "וָואס הָאט אִיר גֶעטוּן?! אִיר וֵוייסְט וָואס אִיר הָאט דָא פַארְדָארְבְּן?!" וָואלְטְן דִי אִידְן גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן מְיוּאָשׁ, אוּן זֵיי וָואלְטְן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוּן נִישְׁט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן.

דִי זֶעלְבֶּע גֵייט וַוייטֶער אָן אִין יֶעדְן דוֹר. רַשִׁ"י בְּרֶענְגְט אוֹיפְ'ן פָּסוּק, (שְׁמוֹת לב, לד) **"וּבְיוֹם פָּקְדִי וּפָקַדְתִּי"**, אַז בַּיי יֶעדֶע שְׁטְרָאף וָואס עֶס קוּמְט אוֹיף אִידְן, אִיז דָא אִין דֶעם אַבִּיסְל פוּנֶעם חֵטְא הָעֵגֶל, וַוייל דִי עֲבֵירוֹת פוּן דֶעמָאלְט חַזֶרְ'ן זִיךְ אִיבֶּער אִין יֶעדְן דוֹר, אוּן וֶוער עֶס וִויל הַיינְט זָאגְן מוּסָר פַאר אִידְן, קֶען עֶס נָאר טוּן אוֹיף דֶעם וֶועג פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוֹיף אַ גוּטֶע וֶועג, צוּ מְחַזֵּק זַיין אִידְן "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ נָאכְאַלְץ לִיבּ" אוּן דָאס וֶועט זֵיי גֶעבְּן דִי חִיזוּק צוּ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶען צוּ גֵיין צוּ אַזַא צַדִּיק וָואס אִיז מְחַזֵּק אִידְן, עֶר וַוייזְט זֵיי אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי לִיבּ, אוּן זֵיי קֶענֶען שְׁטֶענְדִיג קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דִי פָּרָה אֲדוּמָה אִיז דָאךְ דֶער תִּיקוּן אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן דִי עֵגֶל, זָאגְט דֶער פָּסוּק, **זֹאת חֻקַּת "הַתּוֹרָה"**, דָאס אִיז דִי גֶעזֶעץ פוּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, וַוייל אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶערֶעדְט צוּ דִי אִידְן נָאךְ דִי חֵטְא הָעֵגֶל, אַזוֹי דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ אִידְן, נָאר מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק וַוייטֶער **"לֵאמֹר - דַּבֵּר"** וֶוען מֶען וִויל זָאגְן שְׁטְרֶענְגֶע וֶוערְטֶער פַאר אִידְן, מוּז עֶס זַיין אוֹיךְ אוֹיף אַ וֵוייכֶע וֶועג פוּן חִיזוּק.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק חֻקַּת שְׁנַת תשס"ז)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט מִיךְ אוֹיס?

דִי גְרֶעסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן אִיז דִי עֵצָה פוּן "הִתְבּוֹדְדוּת", אַז אַ אִיד זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ גוּטֶער פְרַיינְד.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן, עֶס אִיז גְרֶעסֶער אוּן חָשׁוּבְ'עֶר פוּן אַלֶעס, אוּן טַאקֶע דֶערְפַאר פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף דֶעם, עֶר פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע מִיטְלֶען אַז אַ אִיד זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ מַאכְן חֲלִישַׁת הַדַּעַת פַארְ'ן

<<<<<<

## א גוט ווארט

יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף חִיזוּק אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן סֵיי בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן אוֹיךְ בְּגַשְׁמִיּוּת; אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אִיבֶּער שְׁוֶועריִקַייטְן אִין לֶעבְּן, דֶער עֵצָה אִיז צוּ טְרֶעפְן אַ צַדִּיק וָואס גֶעבְּט חִיזוּק. מִיר הָאבְּן בִּזְכִיּוֹת חִינָם גֶעטְרָאפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס אִיז אוּנְז מְחַזֵּק אוּן שְׁטַארְקְט אוּנְז אַז מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דֶער רֶבִּי חַזֶרְ'ט מִיט אוּנְז דִי פָּשׁוּטֶ'ע אֱמוּנָה: "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הוּא בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים, וְהוּא לְבַדּוֹ עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים", אִיךְ גְלֵייבּ מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן אוּן עֶר פִירְט אַלֶעס; עֶר טוּט אַלֶעס, עֶר הָאט אַלֶעס גֶעטוּן אוּן עֶר וֶועט אַלֶעס טוּן. דָאס צוּ טְרַאכְטְן אוּן לֶעבְּן מִיט דֶעם מַאכְט פְרֵיילִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ, וַוייל וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ חַזֶרְ'ט אֱמוּנָה, וֶוערְט עֶר מֶער פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג.

"אַלְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין" - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נא), אַן אַלְטֶער חָסִיד אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין, אוּן אַן אַלְטֶער צַדִּיק אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין; מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן זִיךְ בַּאנֵייעֶן. אַז מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ וָואס מִיר פַארְמָאגְן, מֶען חַזֶרְ'ט אִיבֶּער שְׁמוּעֶסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - דָאס פְרִישְׁט אוֹיף אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' חֻקַּת תשע"ח)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## מֶען קְרִיגְט זִיךְ אִין מַיין שׁוּל, וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**



אִיךְ דַאוֶוען אִין אַ גֶעוִויסֶע בֵּית הַמִּדְרָשׁ, עֶס שְׁטֶערְט מִיךְ אָבֶּער זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז מֶען הַאלְט זִיךְ אִין אֵיין קְרִיגְן דָארְט, מַמָּשׁ אוֹיף שְׁטוּתִים, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ וֵוייטָאג אוּן אַ בִּזָּיוֹן.

אִין אָנְהוֹיבּ הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ וֶועל זִיצְן אִין מַיין ווִינְקְל אוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אָבֶּער עֶס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ נִישְׁט צוּ וֶוערְן מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט. זָאל אִיךְ אַוֶועקְגֵיין דַאוֶוענֶען? הַלְוַאי זָאל אִיךְ קֶענֶען דַאוֶוענֶען בַּיי אַייךְ, אָבֶּער דִי מְנִיעוֹת זֶענֶען נִישְׁט נָארְמַאל, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

אַהֲרֹן

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד אַהֲרֹן נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ אַז מֶען זָאל הָאבְּן אֵיין שׁוּל וואוּ מֶען דַאוֶונְט, אוּן נִישְׁט בַּייטְן אוּן אַרוּם לוֹיפְן יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט צוּ אַ צְוֵוייטֶע שׁוּל.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): "כָּל הַקּוֹבֵעַ מָקוֹם לִתְפִלָּתוֹ, אֱלֹקֵי אַבְרָהָם בְּעֶזְרוֹ", וֶוער עֶס אִיז זִיךְ קוֹבֵעַ אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ דַאוֶוענֶען בִּקְבִיעוּת, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט גֶעהָאלְפְן אַבְרָהָם אָבִינוּ אִים אוֹיךְ הֶעלְפְן, "וּכְשֶׁמֵּת, אוֹמְרִים לוֹ, אִי עָנָיו, אִי חָסִיד, מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ", אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט זָאגְט מֶען אוֹיף אִים בַּיים הֶסְפֵּד: וֵויי פַאר דֶעם עָנָיו וָואס אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, וֵויי פַאר דֶעם חָסִיד וָואס אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ; זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען אִין אַ בַּאשְׁטִימְטֶע פְּלַאץ.

לִכְאוֹרָה, דַארְפְן מִיר פַארְשְׁטֵיין וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט דָא; אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ קוֹבֵעַ אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ דַאוֶוענֶען קוּמְט אִים שׁוֹין אַזֶעלְכֶע טִיטְלֶען: "עָנָיו", "חָסִיד", "מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ", וָואס הָאט עֶר שׁוֹין גֶעטוּן אַז מֶען גֶעבְּט אִים אַזֶעלְכֶע טִיטְלֶען? וֶוען אִיךְ פְלֶעג לֶערְנֶען דִי גְמָרָא אִיז דָאס מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען, בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ בְּרִיוו פוּן מוֹהֲרָא"שׁ (אֲשֶׁר בַּנַּחַל, מִכְתָּב יט אֶלֶף, קפה), וואוּ מוֹהֲרָא"שׁ אִיז זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר דִי גְמָרָא; אַז גֶעוֶוענְלִיךְ אִין אַ שׁוּל קֶען זִיךְ מַאכְן ווִיכּוּחִים אוּן אוּמְבַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן, בִּפְרַט בַּיי חֲסִידִים וְכוּ'; מִמֵּילָא, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ קוֹבֵעַ אַ בֵּית מֶדְרָשׁ וואוּ עֶר דַאוֶונְט, אוּן עֶר גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּן דָארְט, עֶר בְּלַייבְּט דָארְט דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי בַּאקְוֶועם, אֲפִילוּ מֶען טַעֲנָה'ט זִיךְ וְכוּ', דָאס אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַן "עָנָיו" אוּן אַ "חָסִיד", אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז "מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ", וַוייל אוֹיבּ וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין עָנָיו, וָואלְט עֶר שׁוֹין לַאנְג אַוֶועק גֶעלָאפְן פוּן דָארְט, אוּן נָאכְדֶעם וָואלְט עֶר אַוֶועקְגֶעלָאפְן פוּן דֶעם אַנְדֶערְן שׁוּל, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַן עָנָיו, עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ: 'אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ ווִיל גָארְנִישְׁט; אִיךְ קוּם נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם דָא אִין שׁוּל, אִיךְ קוּם נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן', דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דוּ זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין קַיין שׁוּם מַחְלוֹקֶת, בִּפְרַט אִין מַחְלוֹקֶת וָואס אִיז לְשֵׁם שָׁמַיִם, וַוייל דָאס אִיז זֵייעֶר אַ מְסוּכָּנְ'דִיגֶע זַאךְ.

<<<<<<

>>>>>>

מֶענְטְשׁ, אַיינְרֶעדְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס אוּן עֶר דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן אוֹת י', י"ב) אַז אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן פְלֶעגְט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, עֶר פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז אַדוּרְךְ אוֹיף אִים בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן בְּרוּחֲנִיּוּת, אוּן אַלֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט הָאבְּן. וָואס עֶס הָאט אִים גֶעפֶעלְט, הָאט עֶר אַלֶעס דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף פָּשׁוּט אִידִישׁ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד.

עֶס הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעמַאכְט אַסַאךְ מָאל וָואס עֶר הָאט גֶעפִילְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַסַאךְ מָאל אַז עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס וִוי עֶר טוּט עֶפֶּעס אוֹיף דֶערְמִיט, אוּן מִן הַסְּתָם ווִיל אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, אוּן עֶר דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן.

אַזוֹי וַוייט אַז צוּמָאל הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל עֶר הָאט גֶעפִילְט אַז עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי מִי אוּן פְּלָאג, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים סַיי וִוי נִישְׁט, עֶר הֶערְט אִים סַיי וִוי נִישְׁט אוֹיס. אָבֶּער נָאךְ עֶטְלִיכֶע טֶעג הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אִיבֶּערְגֶעטְרַאכְט, אַז עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אַן אָב הָרַחֲמָן, עֶר הֶערְט זִיכֶער אוֹיס זַיינֶע תְּפִלּוֹת. אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ וַוייטֶער גֶעשְׁטַארְקְט, אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט, אַז אַלֶע מַדְרֵיגוֹת צוּ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען, אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אִיז נָאר גֶעוֶוען דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אוּן וֶוען עֶר וָואלְט גֶעוואוּסְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ וָואס מֶען קֶען אַלְץ צוּקוּמֶען דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעפַּאסְט אוּן זִיךְ מְסַגֵּף גֶעוֶוען, עֶר וָואלְט נָאר גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶער אוּן מֶער, עֶר וָואלְט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אֵיין טָאג ווִיפִיל עֶר הָאט גֶערֶעדְט אִין אַ יָאר.

דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע חִיזּוּק, וֶוען מֶען זֶעט אַז דֶער רֶבִּי אַלֵיין אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דִי זֶעלְבֶּע נִסָּיוֹן, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעשְׁפִּירְט וִוי קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט אוּן קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אָבֶּער זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן עֶר אִיז וַוייטֶער אָנְגֶעגַאנְגֶען, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר נָאכְדֶעם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת. אוּן דָאס דַארְף יֶעדֶער אִיד נָאכְמַאכְן.

#### אַ גַאנְצְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת?

דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"ב סִימָן צ"ו) אַז עֶר ווִיל אַז זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט מֶעגְלִיךְ, וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶס אִיז דָא אַסַאךְ אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס מֶען דַארְף טוּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף עֶסְן,

<<<<<<

>>>>>>

טְרִינְקֶען, לֶערְנֶען, דַאוֶוענֶען, אוּן עֶר דַארְף אוֹיךְ עוֹסֵק זַיין אִין פַּרְנָסָה, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֶען דַארְף אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען טוּן וַוייטֶער אַלֶעס וָואס מֶען טוּט גֶעוֶוענְלִיךְ דוּרְכְ'ן טָאג, נָאר וָואס מֶען טוּט זָאל מֶען טוּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי אוּן מֶען זָאגְט מוֹדֶה אֲנִי, זָאל מֶען גְלַייךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל הַיינְט הָאבְּן אַ גוּטֶע גֶעשְׁמַאקֶע טָאג, רַאטֶעוֶוע מִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל הַיינְט אַרַיינְכַאפְּן אַסַאךְ גוּטְס, אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים" א.א.וו.

אוּן אַזוֹי אַ גַאנְצְן טָאג, סַיי וָואס מֶען טוּט, זָאל מֶען טוּן נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט, בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל מַצְלִיחַ זַיין דֶערְמִיט. בִּיז וֶוען מֶען גֵייט שְׁלָאפְן, בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל גֵיין שְׁלָאפְן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַזוֹי קֶען מֶען מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז מֶען זָאל אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אַ שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת?

מֶען זֶעט אִין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ צוּ זַיין חַבֶר אוּן זָאגְט אִים: "אִיךְ ווִיל רֶעדְן מִיט דִיר אַ שָׁעָה", וֶועט אִים דֶער חַבֶר זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַזוֹיפִיל צַייט צוּ רֶעדְן אַ שָׁעָה", אוֹיבּ אָבֶער וֶועט מֶען סְתָּם אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן אָן קַיין בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט, דַאן קֶען זִיךְ פַארְצִיעֶן אַ שְׁמוּעֶס אֲפִילוּ פַאר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה.

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לִימוּד פַאר אוּנְז אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אָפּ אַז עֶר גֵייט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ שָׁעָה, וֶועט עֶר גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעדוּלְד צוּ רֶעדְן בִּכְלַל, וֶוען מֶען הֵייבְּט אָבֶער אָן רֶעדְן עֶטְלִיכֶע דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען זִיךְ עֶס יָא פַארְצִיעֶן לֶענְגֶער, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס בְּלַייבְּט נָאר בַּיי עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער, אִיז עֶס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען מֶען גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן אוּן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע טְרִיט אוּן שְׁרִיט וָואס מֶען טוּט, דַאן פוּן דִי קוּרְצֶע דִיבּוּרִים וָואס מֶען רֶעדְט דָא אוּן דָארְט, וֶועט זִיךְ צוּזַאם קְלַייבְּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג אַ שָׁעָה, אוּן אֲפִילוּ מֶער, וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אַ שְׁטִיק רוּחְנִיוּת

אֵיינְמָאל מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, דַאן וֶוערְט דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אֵיין שְׁטִיק רוּחְנִיוּת, אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער. וַוייל אֲפִילוּ דִי גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאכְן שְׁמוּעֶסְט מֶען אוֹיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶוערְט אַ שְׁטִיק רוּחְנִיוּת.

אַזַא מֶענְטְשׁ וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט פִילְן אַז עֶר אִיז אַלֵיין, אָדֶער אַז עֶר אִיז נִישְׁט אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, וַוייל וואוּ עֶר אִיז, אִין וָואסֶערֶע מַצָּב עֶר אִיז, וֶועט עֶר ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, אוּן עֶר וֶועט אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט מֶען זֵייעֶר חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעהַאט אַזוֹיפִיל אִיבְּרִיגֶע צַייט, דָא בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן גַאס, דָא הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט וַוארְטְן אוֹיף אֵיינֶעם, אִיךְ הָאבּ דָאךְ אִין דִי צַייט גֶעקֶענְט אַרַיינְכַאפְּן אַפָּאר דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", יֶעדֶע קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה פַארְן מֶענְטְשׁ, וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, אוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְחָרֵט אִין דֶעם, נָאר וַוייל עֶר מֵיינְט אַז עֶס אִיז נָאר חָשׁוּב אוֹיבּ מֶען רֶעדְט אַ לֶענְגֶערֶע שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שֵׂכֶל אוּן נוּצְט אוֹיס דִי צַייט, עֶר כַאפְּט אַרַיין צוּ רֶעדְן יֶעדְן טָאג צוּ רֶעדְן כָאטְשׁ עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים זִיכֶער גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש ח"ב וח"ד עֶרֶךְ הִתְבּוֹדְדוּת)

>>>>>>

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אֵיינֶער וָואס לֶעבְּט מִיט אַבִּיסְל יִשּׁוּב הַדַעַת, דֶער לֶעבְּט מִיט תַּכְלִית; עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ 'נָאךְ אַבִּיסְל וֶועל אִיךְ אַוֶועק גֵיין מִזֶּה הָעוֹלָם, מֶען וֶועט מִיר אוֹיסְטוּן מַיינֶע קְלֵיידֶער אוּן מִיךְ אַרַיין לֵייגְן אִין דֶער עֶרְד; קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט טְרַאכְטְן מֶער פוּן מִיר, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט זָארְגְן פַאר מִיר, פַארְוָואס זָאל אִיךְ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט מַחְלוֹקֶת אוּן קְרִיגֶערַייעֶן, וָואס וֶועל אִיךְ הָאבְּן פוּן דֶעם?' אַזַא אֵיינֶער קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, עֶר לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם מִיט אַלֶעמֶען.

מוֹהֲרָא"ש, וֶוען עֶר פְלֶעגְט וֶועלְן גֶעבְּן אַ מָשָׁל אַז מֶען זָאל אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַחְלוֹקֶת, פְלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג נֶעמֶען אַלְס מָשָׁל אֵיינֶער וָואס לִיגְט אִין שְׁפִּיטָאל קְרַאנְקֶערְהֵייט, פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אַזַא מַצָּב לֹא עָלֵינוּ וֶועט נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן קַיין שׁוּם מַחְלוֹקֶת אוּן קַיין שׁוּם פָּאלִיטִיק, מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן: פְּרָאבִּירְט צוּ צוּגֵיין צוּ אֵיינֶעם וָואס לִיגְט טוֹיט קְרַאנְק, זָאג אִים אַרַיין אִין אוֹיעֶר, "דוּ וֵוייסְט, דֶער אוּן דֶער אִיז אַ שֵׁגֶץ"; "דוּ וֵוייסְט וָואס טוּט זִיךְ דָארְט בַּיי דֶעם רֶבִּי'ן... אוֹיף טִישְׁן אוּן אוֹיף בֶּענְק", וָואס וֶועט דֶער חוֹלֶה זָאגְן? "אִיךְ בֶּעט דִיר, לָאז מִיר אָפּ; אִיךְ גֵיי שׁוֹין שְׁטַארְבְּן. וָואס ווִילְסְטוּ פוּן מִיר? קוּק מִיר אָן, קוּים וָואס אִיךְ אָטֶעם, קוּים וָואס אִיךְ לֶעבּ, וָואס גֵייט מִיר אָן וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן?"

דִי אַלֶע וָואס שְׁטֵייעֶן אִין שְׁפִּיץ אוּן פִירְן אָן מַחְלוֹקֶת זֶענֶען פוּסְטֶע לַייט; קוּק וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידוּשִׁין עא:): וֶוען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, אוּן אֵיינֶער פוּן זֵיי שְׁוַוייגְט, זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז דֶער אִיז אַ גְרֶעסֶערֶער מְיוּחָס, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, וֶוער עֶס קְרִיגְט זִיךְ מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, דֶער אִיז נִישְׁט בְּסֵדֶר; אֲפִילוּ עֶר זֶעט אוֹיס ווִי אַ צַדִיק, אִיז עֶר אַ מְשׁוּגָענֶער צַדִיק - ווִי דֶער רֶבִּי רוּפְט אַזַא אֵיינֶעם (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג - מֵחִיגֵר); דֶער רֶבִּי פַארְצֵיילְט דָארְט, אַז וֶוען דִי גַזְלָנִים זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם פְּלַאץ וואוּ דֶער חִגֵּר הָאט אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט דִי שְׁטוֹיבּ, הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף זֵייעֶרֶע טֶעג אוּן יָארְן, זֵיי הָאבְּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן; אָבֶער ווִיבַּאלְד עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אוֹיסְגֶעמִישְׁט פוּן דִי שְׁטוֹיבּ פוּן מְשׁוּגָעִים, זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן "מְשׁוּגָע'נֶע צַדִיקִים"; זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קְרִיגְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן. דֶער הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "אִיבֶּער דִיר הָאבְּן מִיר גֶעטוּן דִי אַלֶע עֲבֵירוֹת", אוּן דֶער הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "אִיבֶּער דִיר וְכוּ'", בִּיז זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶע'הַרְגְ'ט אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. קוּק נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה.

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ וַוייטֶער דַאוֶוענֶען אִין דַיין ווִינְקֶל, אוּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן אַ צְוֵוייטְן; דוּ קוּק נָאר אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער, דַאן וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

BreslevCenter.com\answers

## קֶענְסְט דִיךְ אַלֵיין?

הָרַב הַחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זַצַ"ל הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ פָארְן מִיטְ'ן בַּאן, וַוייל מֶען הָאט אִים אַלְץ גֶעזוּכְט אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט פָארְן פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם אַנְדֶערְן, הָאט עֶר אַלְץ גֶעהַאט מִיט זִיךְ אַ מִשְׁנַיוֹת, אוּן גֶעזָאגְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, בִּיז עֶר הָאט גֶעקֶענְט אוֹיסֶענְוֵויינִיג שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה. הָאט זִיךְ אֵיינְמָאל צוּגֶעזֶעצְט נֶעבְּן אִים אַ רָב, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי מִתְנַגְּדִים אוֹיף בְּרֶסְלֶב, אוּן וִויבַּאלְד עֶר הָאט גֶעזֶען אַ אִינְגֶערְמַאן לֶערְנְט אַזוֹיפִיל מִשְׁנַיוֹת, פְרֶעגְט עֶר אִים ווָאוּ וואוֹינְט אִיר? זָאגְט עֶר; אִין אוּמַאן! נֶעמְט זִיךְ דֶער רָב חוֹזֶק מַאכְן, 'אִיר זֶענְט פוּן דִי אוּמַאנֶער חֲסִידִים'?! אִיךְ קֶען אַייךְ, אִיךְ קֶען אַייךְ, אוּן זָאגְט כָּל דָבָר אָסוּר, אוּן יֶעדֶע פָּאר וֶוערְטֶער זָאגְט עֶר 'אִיךְ קֶען עֶנְק', אוּן אַזוֹי וִוי רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק זַ"ל זֶעט אַז עֶר וֶוערְט נִישְׁט פָּטוּר פוּן אִים, זָאגְט עֶר אִים; 'אִיךְ זֶעה אַז אִיר זָאגְט אַ גַאנְצְן צַייט 'אִיךְ קֶען עֶנְק', זָאגְט נָאר; 'זִיךְ' קֶענְט אִיר אוֹיךְ...

וֶוען יֶענֶער הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר שׁוֹין שְׁטֵיין גֶעבְּלִיבְן. אוּן עֶס לִיגְט אִין דֶעם עֶנְטְפֶער אַ טִיפְן דֶערְהֶער, וַוייל מֶען זֶעט אַמָאל אַ מֶענְטְשׁ גִיסְט פֶּעךְ אוּן שְׁוֶועבְּל אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן עֶר טְרַאכְט נִישְׁט אַרַיין, צִי 'זִיךְ אַלֵיין' קֶען עֶר שׁוֹין? אוּן אַוַודַאי נִישְׁט אַן אַנְדֶערְן.

(קוּנְטְרֵס 'טוּ אִיךְ גוּט')

### מוסדות היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א**

מנהל התלמוד תורה ועורך גליון היכל הקודש

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען פיל אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט, פרנסה בשפע, דורות ישרים ומבורכים, מיט סייעתא דשמיא

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## "הארץ קאמפיין" געווען א גרויסער סוקסעס ברוך ה'

דער "הארץ קאמפיין" וואס איז פארגעקומען די וואך מאנטאג און דינסטאג לטובת די מוסדות היכל הקודש ברסלב אין וויליאמסבורג איז ב"ה געווען א געוואלדיגער סוקסעס. ווען מ'איז ב"ה אנגעקומען צו די סומע פון איבער א מיליאן דאלער אין די קורצע צייט פון 36 שעה וואס די קאמפיין איז אנגעגאנגען.

די מוסדות האבן געשטעלט דעם ציל אנצוקומען צו א האלב מיליאן דאלער, עס האט אבער נישט גענומען צו לאנג אנצוקומען צו דעם ציל, און דאן האט מען ארויפגערוקט דעם ציל צו א דריי-א-פערטל מיליאן, און ווען אום דינסטאג נאכמיטאג איז שוין אויך דער ציל דערגרייכט געווארן, האט מען עס ארויפגערוקט צו א מיליאן דאלער, און ביים ענדיגן דעם קאמפיין, דינסטאג צוועלף אזייגער ביינאכט, איז מען אנגעקומען צו די סומע פון איבער א מיליאן דאלער.

דער רבי האט געזאגט, "פון געלט זאלט איר צו מיר נישט רעדן", ביים רבי'ן האט מען נישט געמאכט קיין עסק פון געלט. פארשטייט זיך אז מ'דארף האבן געלט, און זיכער ווען עס קומט צו גוטע זאכן, צו בויען מוסדות התורה, צו דרוקן ספרים וואס זענען מקרב אידישע קינדער צום אייבערשטן; אבער מ'דארף געדענקען אז געלט איז נישט דער עיקר, וואס עס בלייבט איבער איז נאר די תורה ומצות ומעשים טובים וואס מ'טוט אויף דער וועלט.

דער חידוש איז אבער געווען אז אזויפיל טויזנטער אידן האבן אנטייל גענומען אינעם קאמפיין. ווי עס האט זיך ארויסגעוויזן איז היבש אונטערגעשאצט געווארן די גרויסע צאל אידן וואס הערן די דברי חיזוק און דרשות פונעם ראש ישיבה שליט"א, וויפיל אידן זענען זיך מחיה און שעפן חיזוק און הדרכה אין לעבן פון די לימודים פון הייליגן רבי'ן ווי מוהרא"ש זי"ע האט אונז געלערנט, און דער ראש ישיבה שליט"א איז דאס מפרסם איבער די גאנצע וועלט. אזויפיל אידן האבן זיך משתתף געווען אינעם קאמפיין, טייל אפילו מיט גאר קליינע סכומים, אבער מיט דעם האבן זיי ארויסגעוויזן זייער הכרת הטוב פאר'ן ראש ישיבה שליט"א אויף די פילע גוטס וואס זיי האבן גענאסן פון אים. דעם הייליגן רבינ'ס דיבורים און עצות קענען העלפן יעדן איד אין סיי וועלכע מצב ער געפונט זיך נאר.

עס קומט זיך א גרויסער דאנק פאר די חשובע עסקנים וועלכע האבן צושטאנד געברענגט דעם קאמפיין, און אריינגעלייגט אזויפיל צייט און כח פאר די הצלחה פונעם קאמפיין. דינסטאג נאכט, ווען דער קאמפיין האט זיך געענדיגט, האבן די עסקנים ארויסגעשטעלט א מעלדונג זיך צו באדאנקען פאר די אלע וועלכע האבן זיך משתתף געווען אינעם קאמפיין, און צוגעהאלפן צום סוקסעס.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער קענען אנגיין רואיגערהייט מיט זיין הייליגע ארבעט צו מחזק זיין אידישע קינדער און זיי דערנענטערן צום אייבערשטן.

**ישראל אין להם אלא לב אחד לאביהם שבשמים!**

***

## מען פארט ארויס אין "מחנה תפארת התורה"

אזוי ווי אלע יארן וועלן די בחורים דאס יאר אויך ארויספארן אין קעמפ צו ווילן אויף די זומער וואכן, ווייט אוועק פון די שטאט, וואו זיי וועלן אויסניצן די טעג פון זומער מיט תורה און עבודה, אפגעזונדערט פון די אלע שטאטישע פראבלעמען, און זיך קונה זיין אסאך גוטע זאכן.

די זומער וואכן זענען די בעסטע הכנה צו די הייליגע טעג, מען פארברענגט אין קעמפ נאר מיט דיביימער און הימל און מיט'ן אייבערשטן, עס איז גארנישט דא פאר די אויגן, נאר זיך קונה צו זיין תורה ויראת שמים, און מיט דעם צוגיין צום ראש השנה, דער יום הדין, מיט די אלע גוטע זאכן וואס מען האט זיך איינגעקויפט אינעם זומער.

נאך זומער וועלן אלע בחורים פארן אינאיינעם מיטן אייבערשטנ'ס הילף אויף ראש השנה אין אומאן, אזוי ווי די לעצטיגע יארן וואס אלע בחורים פארן אינאיינעם מיטן ראש הישיבה, און רעכטן אפ דעם יום טוב אין אומאן די תפלות און די סעודות בדיבוק חברים.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט דער זומער אויך זיין א גרויסע סוקסעס, אזוי ווי אין די פארגאנגענע יארן, און זיך אנשעפן פילע הויפענעס מיט תורה ויראה.

**ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רנה!**


### מוסדות היכל הקודש ברסלב

נעמט אהיים א פושקע פון די הייליגע מוסדות פאר די געוואלדיגע סגולות געהאלפן צו ווערן בדבר ישועה ורחמים ביים ליכט צינדען און צו יעדע צייט, דורכ'ן מחזק זיין די הייליגע מוסדות וואס זענען א לייכט טורעם פאר די גאנצע וועלט

**אויסצולייריגן א פולע פושקע און צו באקומען א נייע**

**וויליאסבורג 347-578-5726 - בארא פארק 347-760-5924**
**מאנסי 917-789-3095 - קרית יואל 845-238-0804**

### הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

**אשר בנחל**

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

### חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך** < 212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**


הגליון נתנדב לזכות יחזקאל בן רחל פיגא, וזו' הענדיל בת שיינדל, ובנם נחמן נתן